נאָכגעזען דורך „אונרראַ״

# אונדזער מוט

צוויי וואָכנדיקער זשורנאַל

אָרגאַן פון די באַפרייטע, יידישע איינוווינער אין פראַנקפורט-ציילסהיים.

אונדזער דענקמאַל



די שטים פון די אומגעבראַכטע 6 מיליאָן יידן,—
רופט צו אַ גערעכטע לעזונג און אָפּשאַפונג
— פון יידן-פּראָבלעם!!! —

FEBRUAR, 1946. פרייז 50 פעניג. אדר א׳ תש״ו

## אויפקלערונג:

אין איצטיקן, ערשטן נומער אין נארמאלן דרוק, ארויסגעגעבענעם זשורנאל א. נ. „אונדזער מוט"־האבן מיר געהאלטן פאר נויטיק, איבערדרוקן א טייל ארטיקלען, וועלכע זענען שוין זייער צייט פארעפנטלעכט געווארן אין אונדזערע פאריקע 3 נומערן, וואס זענען אבער ליידער, נישט געווען גענוג לעזבאר פאר די ברייטע מאסן און דאס צוליב אומגעהויערע, טעכנישע שוועריקייטן. אין וועלכן מיר זענען געווען געצוואונגען ארויסצוגעבן די ערשטע 3 נומערן.

די פארדינסטן שרייבן מיר צו איף דער קאנטא פון ח' סאוקא.

און הגם, די ארטיקלען האבן טיילווייז פארלוירן זייער אקטואליטעט, זענען זיי אבער דאך פון געשיכטלעכן שטאנדפונקט כדאי אפגעדרוקט צו ווערן,־אום אויסצודריקן די אמת׳דיקע אפשפיגלונג פון אונדזער לעבן דאי׳

רעדאקציע־קאלע.

## אינהאלט:

באגריסונגען
„אונדזער מוט" . . . . . . . . . סאוקא
דער „חוט המשולש" . . . . . . . הרב שלמה רוזנברג
דער 25 יובל פון דער הסתדרות הכללית
של העובדים העברים בארץ ישראל . . פרצל אריה
„קווא וואדיס" דעמאקראטיע ? . . . . גערשענאוויטש מ.
אליין... (פון א צוריקגעקומענעם) . . . רייכנאם מ.
אונדזער דענקמאל . . . . . . . . סאוקא
לאמיר לערנען פון די פארגאנגענהיים . . שלאמאוויטש ש.
ד"ר גולדמן אין ציילסהיים . . . . . . ס. ר.
דער מוסר־השכל פון די איצטיקע קריג . אייבעשיץ י.
דער קאנגרעס אין מינכן . . . . . . . ר—ט מ.
פרוי רוזוועלט אין ציילסהיים
פאליטיש נייעס
ציילסהיימער כראניק
א בריוו אין רעדאקציע

# אונדזער מוט

רעדאקציע־קאלעגיום: סאוקא גיטלער, משה רייכגאט, משה נערשענאוויטש.
שמואל שלאמאוויטש, יונתן איבעשיץ.

ארויסגעבער:
יידישער קאמיטעט אין פראנקפורט־צײלסהיים.

22 FEBRUAR 1946

כא׳ אדר א׳ ה׳תש״ו


## באגריסונגען:

מיט גרויס פרייד באגריס איך די צייטשריפט „אונדזער מוט" צו איר דערשיינען אין דעם נייעם, נארמאלן פארם.

אונדזער צענטער צײלסהיים, איז נישט קיין זאמלפונקט און אודאי נישט קיין לאגער. נאר איינפאך א יידישע קהלה, און אלס אזעלכע דארף זי נאטירלעך האבן א אייגענע יידישע צייטונג. נישט בלויז צוליב דעם אז זי זאל געבן ידיעות פון לעבן אין צײלסהיים, נאר בעיקר און הויפטזעכלעך אפשפיגלען די באציונגן פון די דרויסנדיקע וועלט צו דעם יידישן פראבלעם, און די שטימונגען פון די יידן אין שייכות מיט דעם.

מיר געדענקן אונדזערע ברידער קדושים, וועלכע האבן געחלומט אין די געטאס פון ווארשע און לאדז וועגן א שענערער צוקונפט, און עס נישט דערלעבט... מיר געדענקן אונדזערע שוועסטער מארטירערינס פון ווילנע און קראקע, וואס האבן געטרוימט וועגן דער צוקונפט פון זייערע זין און טעכטער און זענען דעסגלייכן אומגעקומען און נישט דא מער צווישן אונדז.

דאקעגן מיר, יא לעבן געבליבענע טראגן אויף זיך דעם הייליקן חוב כלפי די אומגעקומענע קדושים צו געבן א ווירדיקן זין אט די אלע קרבנות, און ארויסווייזן קרעפטיקן מוט מיט אלע אונדזערע כוחות, זייערע נישט דערגאנגענע חלומות אין א ווירקליכקייט צו פארוואנדלען.

א צייטונג קאן פיל העלפן געפינען דעם ריכטיקן וועג צום דערגרייכן אט די ציל, דורך אויפקלערן מיט אמתער געטריישאפט די גערעכטיקייט פון אונדזערע פאדערונגען.

איך בין זיכער דאס די צייטונג וועט גיין אין וועג פון די געשטעלטע פאראלן און מיטהעלפן דעם פאלק צו דערגרייכן דאס צוגעזאגטע לאנד א ר ץ־ י ש ר א ל.

סילוויאן ה. נאטהאן
דירעקטאר

Greetings to "Our Courage"

It is with a great deal of pleasure that I welcome "Our Courage" in its new form. The Zeilsheim Assembly Center is not a center, nor is it a camp; it is a full community. It needs a newspaper. It needs one which will not only bring the people the news of Zeilsheim, but make them aware of the world today in its relation to the Jews.

We remember our brothers who perhaps on the streets of Warsaw and Lodz dreamed of the future; there is no future now, for our brothers are gone. We remember our sisters, who perhaps on the streets of Wilno and Cracow dreamed of sons and daughters. There are no sons and daughters now, for our sisters are gone. But we are here, and it is our obligation to them to make ourselves worthy of their sacrifice, to try to make their dreams, if only in a small way, a reality. A newspaper can help to lead the way to this goal by being truthful and accurate, by being fair, by being courageous. I am sure that "Our Courage" will follow these paths and aid our people to go to the Promised Land - Palestine.

Sylvan H. Nathan
Director

**אויס וואנדערונגען! איין וואנדערונג — און די לעצטע — קיין ארץ־ישראל!**

## באגריסונג — ה׳ פלאטאו

Congratulations to the Staff of "Our Courage" on the papers new format. Knowing fully well the zealousness and intellect of its editors and workers we look to "Our Courage" as a cultural Oasis in the "midbor" that is Germany today.

To us "Our Courage" foreshadows the greener pastures that will be life in Eretz Israel tomorrow.

Stanley Flatow
Welfare Officer

## באגריסונג — מס. ס. סענדער

Greetings and good wishes for the continued success of "Our Courage". It took great courage and persistence to overcome the many difficulties that faced the editors and other workers in their determination to establish a newspaper "fit to read". These people deserve great credit.

We are proud of our newspaper and wish it good luck.

Sadie Sender
A. J. D. C.

## באגריסונג — ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ציילסהיים

די ציילסהיימער, ציוניסטישע ארגאניזאציע־איז די גרינדערן פון עפנטלעכן יידישן ווארט „אונדזער מוט". פאריבער אייניקע חדשים, ווי די ציוניסטישע „איחוד" ארגאניזאציע, האט אנגעהויבן איר טעטיקייט אויף אלע געביטן און אריינגעדרונגען אין אלע צווייגן פון פאליטיש־געזעלשאפטלעכן לעבן אין ציילסהיימער צענטער.

אויפן סדר־היום פון די ערשטע זיצונג, איז נישט אויסגעמיטן געווארן, דאס באהאנדלען די פראגע פון שאפן א עפנטלעכע, יידישע טריבונע אין ווארט.

ס׳איז געשאפן געווארן א רעדאקציע־קאלעגיום, מיט דעם טאלאנטפולן רעדאקטאר סאזקא בראש.

מען האט ארויסגעגעבן 3 זשורנאלן „אונדזער־מוט", ־ וועלכע זענען מיט מי, מאטערניש און שלאפלאזע נעכט געדרוקט געווארן אויף א שרייב־מאשין.

ביים היינטיקן טאג, שטייען מיר פאר א געשעענעם פאקט, דער 4 נומער „אונדזער־מוט". ד.ה.: דער ערשטער זשורנאל, וואס ווערט איצט געדרוקט אין א דרוקעריי מיט אייגענע, ריכטיקע, יידישע שריפט.

עס איז אונדז נישט לייכט אנגעקומען !

פיל שוועריקייטן און שטערונגען האט אונדז געמאכט פון מינכענער ציישונג „אונדזער־וועג" ה׳ רעדאקטאר שאליטאן, ־ וועלכער פארדינט געטאדלט צו ווערן פאר זיינע אומטאקטישע האנדלונגען, נישט נאר לגבי אונדז, נור אויך לגבי דער גאנצער שארית־הפליטה אין דייטשלאנד, דערמיט, וואס צוליב אים איז מען געצוואונגען צו דרוקן יידישע צייטונגען מיט לאטיינישע שריפט.

א גרויסן הארציקן דאנק, קומט אונדזערע חברים, טעכנישע מיטארבעטער פון „אונדזער־מוט", פאנאר און טשענסטאכאווסקי, ־ וועלכע האבן מיט גרויס ענערגיע, פראקטיש אפגעשטויסן דעם פארבאט פון גיסן יידישע שריפט פאר דער שארית־הפליטה אין דייטשלאנד.

דער אויפגעבויטער קולטור־בנין פון יידישן ווארט, גייט אריבער אלס מתנה פון ציוניסטישן ועד, אין רשות פון דעם ניי־געזועלטן, אלגעמיינעם קאמיטעט, ־ וועלכער דארף שטיין אויף דער וואך פון שמידן און קרעפטיקן ־ אלעס פארן וויל פון דעם נאמען ישראל.

און אייך, רעדאקציע־קאלעגיום און אדמיניסטראטיווע ליישונג, ־ דריקן מיר אויס א גרויסן יישר־כח פאר דער ביז איצטיקער ארבעט און דער בעסטער ווונש וועט פאר אייך זיין, איר זאלט זיין געאייניקט, חבר׳יש אין אייערע, ווייטערדיקער ארבעט פון ברענגען צום אויסדרוק דאס פרייע, יידישע ווארט פאר די באפרייטע, יידישע מאסן און זיין דער וועג־ווייזער אינ׳ם קאמפס ־ וועג פון יידישן פאלק פאר דער אויפריכטונג פון א זעלבסשטענדיקע, יידישע מלוכה באזירט אויף סאציאליסטישע יסודות אין ארץ־ישראל!

תחזקנה ידיכם!

א. נ. פון דער הסתדרות הציונית
האחידה בציילסהיים.
דיאמאנסקי יצחק.

סאוקא

# „אונדזער מוט“

...און גראד היינט, ווען די האריזאנטן פאר די יידי־שע פאלקס־מאסן ווייזן אויס צו זיין פארנעפלט, פארנעפלט אויף אזוי ווייט ווי דאס אומענדלעך־פארוואגלטע שמאכטן אין גרויען ק. צ. לאגער, — קומען מיר היינט, מיט דעם דרייסטן מוט פאר די יידישע עפנטלעכקייט אזוי אין ציילס־היים אזוי ווי איבעראל מיט א ריכטיקע, יידישע צייטונג פאר די אויגן צו ברענגען.

און גראד היינט איז די צייטונג אממערסטן נויטיק און אממערסטן דרינגענד!

און אממערסטן דרינגענד איז זי נישט דערפאר, — ווייל עס דריקט מיט זיך אויס א קולטורעלע דערגרייכונג—

אך! צו וויפיל אפטע, איינטאניקע וועבערייען איינזאם, אויפן געלעגער אין די לאגערן—געהערט אטא דער חלום!

ליידער! פאר דעם רוב טייערסטן קבוץ איז עס נישט מער ווי א בלויזער, פוסטער חלום פארבליבן! אונדזערע מיליאנען האבן זייערע אייגנארטיקע, זיסע פלענער, „ווען די צייט וועט קומען, ווען זיי וועלן ענדלעך פארשפילן“— נישט דערלעבט אפילו טיילווייז צו פארווירקלעכן!

הייליק זענען זיי אין אונדזער זכרון—אזוי לאנג ווי מיר וועלן נור לעבן! און איבערגעבן וועלן מיר די דורות דעם מעכטיקן אומשולד פון זייער מארטירער־טויט...

...דערפאר טאר קיינער פון אונדז נישט דרימלען!

## ביי דער גרינדונג פון „אונדזער מוט“



פון רעכטס צו לינקס: פאנאר, גרמיזה, גערשענאוויטש, שלאמאוויטש, סאוקא, רייכגאט, אייבעשיץ, קופער.

ביי וועלכע, מענשן קענען איר באפרידיקונג געפינען, עווענטועל געגעבענע טאלאנטן צו זייער גלאנץ ארויפצו־פירן, ניין! נישט אין דעם האנדלט זיך! הויפטזעכלעך, די שטימע פון דערדריקנדן געפיל, פון פיזישן ווייטאק און די אפטע ראנגלענישן מיטן גרויזאמען טויט—אין פארלויף פון די זעקס יאר קריג־צייט—זענען מיר אויסן אלס היסטארי־שע דאקומענטן דער מענשהייט איבערצולאזן...

זענען מיר יעדאך גליקלעך—(אויב אפילו אין בלויזן געדאנק) אלס באפרייטע מענשן דאס פרייהייטלעכע ווארט אויף די ליפן צו ברענגען!

׳ זענען מיר יעדאך גליקלעך—(פון דעם זעלבן שטאנד־פונקט) דעם ווירדיקן דראנג צום בעסערן און זיכערן לעבן פאר די ליכט־שיין מיט יידישע אותיות דרוקן צו לאזן—פונקט אזוי געניי אין הערצאישן קאמף צו שטעלן.

אונדזער ׳אזונג איז שטארקן זיך זע׳בסט, צוריקקערן צו די שיינע היסטארישע פארגאנגענהייט, וואס דאס יידישע פאלק אלס גאנצעס האט גאטירט אין די בלעטלעך פון זיין אלטע געשיכטע.

יעדער, איינער פון אונדז, קוים ביים לעבן געבלי־בענער טוט זיך באשטייערן אין די ראמען פון זיינע פעאי־קייטן לטובת דעם קולטורעלן און פאליטישן אויפבלי פון יידישן פאלק. ד. ה. נישט זיין ארגאניזירט אין איין זאך, אין איין מוט בכדי צו ווערן א שטויס־קראפט צו קאנ־סטרוקטיווע צילן, עווענטועל צו לאזן ווייטער דרימלען אונדזערע אמאליקע חלומות—(אין אנדערע הינזיכטן צו זיין מער, ווי וואך...)—איז א פארבאט שלא היה כמוהו!

באזונדערס, איז עס א חלול פאר די קרבנות, וועלכע, האבן ניכטערהייט געבויט די פלענער פאר א הונדערט

פראצענטיק ס א ל י ד און ר ו י ק ל ע ב ן...

קלאר זענען אונדזערע פ א ד ע ר ו נ ג ע ן און אויספירבאר זענען די פ א ר ל א נ ג ע ן!

דער גאט פון נקמה און בארמהארציקייט איז ביי אונדז איינער און דערזעלבער און אלס אזעלכער בעטן מיר אלע צו אים.

און אויב סוועט זיך ארויסווייזן אז מיר בעטן ווייניק, אז ד תפילות זענען צו קליין—דאמאלס זענען מיר דעצידירט צו מאכן א גרעסערע תפילה, נאר מיט איין אונטערשיעד, דאס די איצטיקע איז א באוווסטזיניקערע און שטארקערע צו טאטן בין כתלי דם ואש!

ביים ארויסגעבן די צייטונג, ווונשן מיר זיך קודם־כל דאס דערפרייענדע אויפנעמען פון אונדזערע מענשן זעלבסט אין ציילסהיים, מיט זיין דערפאלגרייכן אינטערעס צום לייענען און מיר זעען דאדורך די באהאנדלונג פון סאמע אנגעווייטיקסטע אין גאנצן ערנסט פראבלעמען פון אונדזער דא זיין היינט און שוין מארגן צום אויסגעקעמפטן, בויענדן עתיד פארן כלל ישראל אין ארץ־ישראל!

...אין יעדן ווינקל ווי עס אטעמט נור א יידישע נשמה — אויב דאס נאך אין וועלכן גלות־לאנד, זאל דערגיין די שטים פון „אונדזער מוט“ און דערפירן צום זיגרייכן וועג פון אזוי גרויסן, ליידנשאפטלעכן לעבן.

אויב מיר וועלן זיין פעאיק די אויפגאבע צו ערפילן און ערווונשן — ווייסן מיר נאך נישט, ס'איז אפהענגיק אין אונדז אלעמען.

יעדנפאלס איז דאס אונדזער אומדערשיטערלעכער פארמעסט און ג ע ב א ט פון דער א י צ ט י ק ע ר ש ע ה !!!

## הרב שלמה הכהן רוזנברג

שליט פון „דזשאינט“ פאר רעליג. ארבעט אין דייטשלאנד.

# דער „חוט המשולש“

דער בעל יועץ איז קיינמאל נישט געווען קיין פאפולערער מענש. מיט עצות זענען מיר פארזארגט פלעגט דער ייד צו ענטפערן, אויב אימיצער האט אים געוואלט איבערגעבן דעם תמצית פון זיין אייגענע ערפארונג אין דער פארם פון אן עצה. אבער דער חכם מכל החכמים האט געזאגט „תן לחכם ויחכם עוד“... גיב דעם קלוגן אן עצה און ער וועט דיר דאנקבאר זיין, ווייל ער וויל ווערן און וועט ווערן דורך דעם נאך קלוגער.

אזוי קום איך צו אייך מיט אט די עטלעכע שורות בתור בעל יועץ. איך האב שוין אפט ווידערהאלט אז איך גיי צו אייך און צו אייער פראבלעם מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ. ווייל, וואס איר האט געליטן און וואס איר האט מיטגעמאכט אין די פארגאנגענע עטלעכע יאר דארף ארויסרופן ביי יעדן פארשטענדיקן מענשן—רעספעקט פאר אייך.

אונדזערע חכמים האבן אונדז אנגעזאגט אז מען דארף האבן דרך־ארץ פאר א פשוטן זקן — ווייל, ווי די גמרא דריקט זיך אויס אין קדושין „הרבה הרפתקאות עדו עליו“ עס האבן אסאך פאסירונגען געשען מיט אים, איז דאך אוודאי און אוודאי וויכטיק אלעמאל צו אנערקענען אייער לאגע און אפגעבן אייך דעם געהעריקן כבוד.

אט אזוי רעד איך צו אלע, וועלכע קומען צו אייך אויף א באזוך אדער אליין צו ארבעטן מיט אייך, און וועגן אייך. אבער צו אייך וויל איך זאגן אנדערע ווערטער פון מאנונג אין א מוסר־השכל וואס קומט פון די ערפארונג, פון אונדזער פאלק אין די לאנגע געשיכטע פון זיין מארטירעלאגיע.

פארלאזט זיך נישט אויף קיינעמס רחמנות און זוכט ביי קיינעם סימפאטיע, אדער אנערקענונג פאר אייערע ליידן. א גרויסער פאעט האט געזאגט „לאך און די וועלט וועט לאכן מיט דיר“—„קלאג וועט דו וועסט דיך געפונען איינער אליין“.

דער ייד איז אלעמאל אויסגעזעצט דעם געפאר פון א פסיכישע פארקריפלונג, צוליב די באהאנדלונג פון די גויים. ווען די וועלט האט געהאסט די יידן איז געווען ביי א סאך יידן א פסיכאזע פון זעלבסט־האס, וואס האט געשאפן ביי אונדז מאדנע טיפן, איצט ווען די וועלט האט זיך גענומען רחמנות האבן אויף די יידן — איז ווידער דא די געפאר פון א פסיכאזע פון הילפלאזיקייט — וואס קען האבן אנדערע שלעכטע פאלגן — ענטוויקלען טיפן נישט קיין נארמאלע.

אט געגן די געפאר פון זעלבסט רחמנות איז דא בלויז איין רפואה: פארגעסן זיך און טראכטן וועגן ענינים אויסער זיך און דאס צו דערגרייכן, לעג פאר דעם „חוט המשולש“ פון תורה, עבודה און ארץ־ישראל.

אט די דריי גאלדענע פעדים מוזן זיין צוזאמענגעפלאכטן כדי צו שאפן די טייל מיטלען, וואס זאלן פארהיטן די זעעלישע פארקריפלונג וואס דראט אייך — די וועלכע האבן אזויפיל געליטן.

די פארטיפונג אין תורה, מוז פארנעמען מיט זיך קאנסטרוקטיווע ארבעט, דאס שטענדיקע שטרעבן, און זיך צוגרייטן פאר ארץ־ישראל, דארף זיין דער פראגראם פון דעם גגות, דורך דעם אלעם דארף זיך דורכציען דער פאדעם פון תכלת דומה לרקיע — דער הימל בלויער פאדים פון אמונה וועלכער נור ער אליין איז בכח צו מאכן אט די אלע שטרעבונגען אויסגעהאלטן און דויערנד. איר האט פעאיקע מענשן אונטער זיך, וועלכע קענען אנפירן מיט דער ארבעט. מיר זענען דא נור אביסל צוצוהעלפן אויב נויטיק, — „אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים“.

מיר שטרעקן אויס צו אייך אונדזערע הענט פון „דזשאינט“ מיט ליבע און מיט אכטונג און מיר האפן אז איר וועט זי אננעמען אין דעם זעלבן גייסט.

פרצל אריה

# דער 25־טער יובל פון דער הסתדרות הכללית

## של העובדים העברים בארץ־ישראל.

די „הסתדרות העובדים" ברויכט באשטימט נישט פון מיר אאיינפאכן נע ונד־ניק, עפעס א הללויה, א לויב געזאנג צו הערן, דאך איך פיל עס פאר א באפרידיקונג פאר אונדז אליין און א חוב נישט אדורכצולאזן דעם 25 יובילעאום פון גרינדונג דער הסתדרות, אן דערמאנען עס, אין אונדזער צייטונג.

איך וויל דא, נישט שרייבן וועגן דער געשיכטע פון הסתדרות, דאס איז אקאפיטל פאר זיך. איך וויל נאר אין קורצן ערקלערן וואס באדייט די „הסתדרות" פארן ישוב אין ארץ־ישראל און פארן גאנצן יידנטום.

די „הסתדרות" פארמאגט 150.000 מיטגלידער, מענשן וואס האבן פארבונדן דעם נאציאנאלן מיט דעם סאציאלן גאולה־געדאנק. די „הסתדרות" האט עס פארשטאנען, אז עס איז נישט גענוג צו זיין א ציוניסט און צו וווינען אין ארץ־ישראל, בכדי צו ענדערן די גלות פסיכאלאגיע פון יידן.

און אויב, מיר האבן היינט אין ארץ־ישראל א נייעם טיפ ייד, א ייד וואס אוועקגייענדיק פון אקער פארשטייט אויך צו שיצן דאס שווער ערווארבענע אן רעש און געפיל־דער אלס זעלבסטפארשטענדלעכע זאך. דאס איז דער פּועל־יוצא פון דעם הסתדרותיש אויפטו. איך וועל זאגן, אז די הסתדרות איז דאס געוויסן פון ישוב און פון גאנצן יידישן פאלק, דער שאפנדער כח אין ציוניזם און דאס איז דאס וויכטיקסטע.

עס איז קיין צופאל, וואס חיפה, די עתיד שטאט האט א איבערוויגנדע ארבעטער מערהייט. עס איז קלאר אז אויב אין חיפה פולסירט אממערסטן דאס לעבן פון שאפן און אויב עס זענען דארט דא פערספעקטיוון פאר די גרויסע צוקונפט־איז עס קודם כל דער פארדינסט און אויסשליסלעך דער הסתדרות העובדים. דעם ארבעטנדן א "י.

איך קען מיר איינפאך נישט פארשטעלן דאס איצטיקע ארץ־ישראל, מיט אלע קולטורעלע, געזעלשאפטלעכע און עקאנאמ. אינסטיטוציעס, מיט דעם הויכן לעבנס־סטאנדארט פון ארבעטער, מיט די מוסטער גני־ילדים און ארבעטער שולן, מיט א 150.000 קעפיגע ארבעטערשאפט וואס זענען אפשר פראפארציאנעל די אממייסטן קולטורעלע און באוואוסטזיניקע ארבעטער אין דער וועלט.

אזוי ווי "חובבי ציון„ איז געווען א היסטארישע אנטוויקלונג אין דער צווייטער העלפט פון פאריקן יארהונדערט און אזוי ווי הרצלס פאליטישער ציוניזם איז געווען די ווייטער־דיקע אנטוויקלונג פון דער נאציאן. באוועגונג מיטן פאליטישן פראגראם און א קלארע אויפאסונג־אזוי איז די הסתדרות העובדים, דער רעאלער פארווירקלעכער פון גאולה־געדאנק פון באראכאוויסטישן ציוניזם־און־דאס באדייט פאר־פולקאמונג פון יידישן מענש אין ארץ ישראל.

מיט רעכט האט חבר שפרינצאק באמערקט אין "דבר„ פון דעצעמבער אז חג ההסתדרות איז חג האומה. ווייל וואס איז דען געבליבן פון אייראפעאישן יידנטום: די בעסטע זענען אומגעקומען אין אוישוויץ, בוכענוואלד און אנדערע פארניכטונגס־לאגערן, און ווו א עמוד אש לייכט פאר אונדז דער ישוב מיט זיין כתר די הסתדרות העובדים.

מיר, די איבערגעבליבענע יידן אין גלות, און אלערליי סימפאטיקער שיקן אייך איבער א דאנק און א ברכה צו אייער־אונדזער 25 יובילעאום:

יהי רצון אז אייער־אונדזער ציל פון גאולה לאומית און גאולה אנושית פון העברעאישער קולטור און מענשלעכן פראגרעס, פון ליבע צום יידישן פאלק און ליבע צו דער מענשהייט, פון קאמף פאר ארץ־ישראל, און זיינע רעכט, אט די שאיפות זאלן שוין לאנג פארן יובל החמישים ווערן א ווירקלעכקייט!

ארץ ישראל בתור מדינה עברית סוציאליסטית!!!

---

גערשענאָוויטש משה

# „קוואָ וואדים" — דעמאָקראַטיע?

שוין ווידער האט די גרויסע דעמאקראטישע וועלט־מאכט אונדז פאראטן! שוין ווידער ארגאניזירט א בלוט־באד אויף אונדזער הייליקער ערד! שוין נייע קרבנות נאך דעם גרויסן וועלט־קאטאקליזם וועלכער האט ערשט אויסגע־ראטן מיליאנען מענשן, אין נאמען פון ערלעכקייט און פרידן, אום די וועלט ניי־ארדנונג איינצושטעלן, מען וויל שאפן היינט פרידן מיטן גלייכצייטיקן קריג אויף מארגן,

מען האט דעם יידישן פאלק קריג ערקלערט אן שום מא־טיוון, און עס ווילט זיך פרעגן פארוואס? אפשר, דערפאר ווייל מיר האבן זיך צו אקטיוו באטייליקט אין קאמף געגן נאציזם און פאשיזם? אפשר נאר דערפאר ווייל איין מיליאן יידישע סאלדאטן האבן מיטגעווירקט צום גרויסן זיג פאר די דעמאקראטיע?

מיר ערקלערן אין נאמען פון די נעכטיקע קעמפער,

דאס דער זיג געגן נאציזם און פאשיזם דארף און מוז אויך זיין דער זיג פאר אונדזער פאלק־לאנד, מיר האבן דערביי געמיינט צו צילן ד. ה. מיט אונדזער יידישער גבורה אויך דעם באדן הינטער אונדזער פיס צו שאפן. מיר קענען נישט מער לעבן מיט די גלות־פסיכאלאגיע וועלכע האט דערפירט צו די גרויסע פאלקס־קאטאסטראפע. מיר זענען א פאלק וועלכע, פאדערט גלייכבארעכטיקונג אויף דער וועלט, גלייך ווי די אנדערע פעלקער, מיר מוזן היכף שאפן די מעגלעכקייט פאר א גרויסע עליה וועלכע דארף זיין דער וועג צום יידנשטאאט. מיר וועלן נישט ערלויבן מיט אונדזער פאלק דיפלאמאטישע שטיק צו פירן—מיט ערקלערונגען און קאמיסיעס, וועלכע האבן נור דעם ציל אונדזער קאמפס־גרייטקייט צו צעשטערן אבער, ליידער! שוין נישט איצט! צו שטארק איז דער ישוב אין ארץ־ישראל! גענוג אונדז ביז איצט אפגענארט מיט קאמיסיעס. מיר לייגן א וועטא אויף די בריטישע פאליטיק בנוגע ארץ־ישראל. דער ישוב איז נישט מער דער, וועלכער שווייגט—וועלכער קאן נאך טראכטן וועגן קאנפערענצן ווי עס איז געווען, טיילונגס־פלאן, קאנטאנען. מיר האבן קלאר געשטעלט אונדזערע באַרעכטיקטע פאדערונגען וועלכע איז אין איינקלאנג מיט די גאנצע געוויסנס־מענשהייט אויף די וועלט! עס בלייבט נור איין פראגע: קווא וואדים דעמאקראטיע? זוי זענען די צוזאגן פאר די רעאליזירונג די באלפור־דעקלאראציע? ווי זענען די לייבאר דעמאקראטן, וועלכע האבן צוגעזאגט די לעזונג פון יידן־פראגע אין זין פון די באלפור־דעקלאראציע?! ווי איז טשערטשיל, וועלכער האט ערשט געהאט אזא פאזיטיווע באציונג פאר לעזן דעם יידן־פראבלעם? צי זענען אלע מער נישטא? עס הערט זיך נור די פריינדלעכע שטימע פון אמעריקאנער פרעזידענט טרומאן און די אמעריקאנער עפנטלעכע מיינונג, וועלכע טרייסלט דעם וועלט־געוויסן פאר די לעזונג פון דעם יידן פראבלעם. וואס איז נאך געבליבן דער אנגעוויטיקסטער אויף דער וועלט. זאל די וועלט אורטיילן די גערעכטיקייט פון די ענגלישע דעמאקראטיע, וועלכע אינטערנירט די יידן וועלכע דערשלאגן זיך צו די ברעגעס פון אונדזער אלט־נייער לאנד. זאל די וועלט אורטיילן די ענגלישע דעמאקראטיע, וועלכע שיסט צום דעמאנסטרירנדן המון אין ארץ־ישראל, אבער טראץ אלעם קען אונדז דאס נישט אפשרעקן, ווייל עס איז אונדז גאנץ קלאר וואס עס הייסט קאמף, און דערצו גערעכטע קאמף.

קאמף פאר אונדזער גלייכבארעכטיקונג אויף דער וועלט!

קאמף פאר א נארמאל פאלקס־לעבן!

קאמף פאר ווידעראויפבוי פון אונדזער הייליקער קולטור!

קאמף פאר דערציונג די אזוי ווייניק געבליבענע קינדער וועלכע דארפן זיין די צוקונפט פון אונדזער פאלק!

ענג געשלאסן, געאייניקט אן אונטערשעד פון פארטייאון ריכטונג, וועלן מיר צוזאמען מיט דעם קעמפנדן ישוב דערגרייכן אונדזערע הייליקע צילן.

---

משה רייכגאט

# אליין ...

(פון א צוריקגעקומענעם)

אן א היינט, אן א מארגן
ציט זיך, לאנגזאם די צייט
עס דריקן דיך פיל שווערע זארגן
יעדער טאג איז פול מיט לייד.

עס קימערט זיך קיינער וועגן דיר
דו האסט פארלוירן יעדן ווערט
מען פארמאכט איבעראל פאר דיר די טיר
דו האסט קיין פלאץ אויף דער ערד.

מיט פרייהייט האט מען דיך באגליקט
און מענשן רעכט דיר געשאנקען
ביזט געווארן פארשיכורט, כמעט פאררוקט
איצט מוזטו זיך ארומבלאנקן.

ווען דו באוויזט זיך, נור אין גאס
און דיינע אויגן טוען בליקן
דאן זעסטו געזיכטער פול מיט האס
וואס וואלטן דיר גלייך דערשטיקן.

עס גייען מענשן דיר פארביי
און דיין האנט ווילט זיך שטרעקן
דאן באווייזט זיך ווידער פונדאסניי
דער אלטער שנאת שטעקן.

אין דיין מח א געדאנק, צום וועבן
הויבט זיך אן, — און ער עגבערט
צו וואס, דאס גאנצע „פרייהייטס" שטרעבן
ווען איבער דיין קאפ די „דאמאקל" שווערד.

עס קריצן ציינער באלן זיך פויסטן
קעגן דעם פאלשן געפילדער
פון שקרדיקע פילאנטראפיע טראסטן
ניין! מיר זענען מער קיין יתומים קינדער!

מיט שווער צעאקערטע פנימער
פון פייער, אין שטאל געהארטעוועטע
מיט הענט מאזאלעס, צופאדערטע
וועלן מיר ווידער, שאפן ווונדער
מיט רידעלס, לאפאטעס — אונדזער כלי זין,
מיט קעפ געהויבענע — טריט פעסטע
גייען מיר איבער גרענצן — ימים די גרעסטע
צום לאנד פון מזרח — דעם אלט נייעם.

סאוקא

# אונדזער דענקמאָל

נאך 5 חדשים עקזיסטענץ פון ציילסהיימער, צענ־טער, זייט די באפרייונג, זייט דעם לויז ווערן פון אייפ־געצוווּנגענעם לעבן, פון גרויזאם־שוידערהאפטן לעבן— וואס זיינס גלייכן איז ביז איצט, אין די גאנצע קאסמישע געשיכטע נישט נאטירט געווארן—מיט זיינע אומפארגעסלע־



„אונרא" דירעקטאר נ א ט ה א ן ביי דער ענטהילונגס־רעדע

כע גרוילהאפטע בילדער—איז אין היינטיקן טאג, דא אין ציילסהיים, אויפן בלוטיקן דייטשן טעריטאריום פאר דריי שעה צוריק ענטהילט געווארן א דענקמאל פאר די אומ־שולדיק־געפאלענע, יידישע קרבנות אויפן מזבח פון טאטאלן רעזשים און דיקטאטארישן טעראר.

חשובע שוועסטער און ברידער! דאס איז א דענק־מאל פאר אלע אונדזערע, געפאלענע סאלדאטן אויף די פראנטן פון ל ע ג א ל־באוואפנטן, אומלעגאל־באוואפנטן און גענצליך ע נ ט װ א פ נ ט ן קאמף־פלאץ אומעטום און איבעראל ווי ס׳האבן נור געפלאסן טייכן פון ריין יידיש בלוט.

דער פארשאלטענער, דייטשער באדן האט אלעס מיטאנאנד פאריינקט און געבראכט צו א מורא׳דיקן קא־טאקליזם פון גייסטיקן אומקום און פיזישע געבראכנקייט צווישן יידישן פאלק.

קאמפליצירט אין זיין אינהאלט זענען די אויפשריפטן פון אונדזערע דענקמעלער היינט צו טאג!

קאמפליצירט אין זיין ארט און ווייזע האבן אונדזע־רע קדושים זייערע לעבנס אפגעגעבן!

די רויקע ציימן פון „חובבי־ציון" באוועגונג, ווען ד"ר יהיאל טשלענאוו האט געקענט אנשרייבן א בוך „ששים שנות היים" מיט זיין מאטטא: אדם חי, מת, נקבר ונמחק שמו—די ציימן זענען מער נישטא! די ציימן זענען אוועק! און איך פרעג: וועלכער ייד קען דאס היינט זאגן „60 יאר לעבן"? נישטא היינט אין גאנצן אייראפע־אישן יידנטום, דער מענש, דער ייד, וואס זאל קענען זאגן „60 יאר לעבן" און ממילא קען נישט זיין, זיין מאטטא: „א מענש לעבט, שטארבט, ווערט באגראבן און אויסגעמעקט ווערט זיין נאמען"—נור פארקערט—„אדם חי, נהרג, לא נקבר ונמחק שמו".

שטורמיש איז זיית דאמאלס געווארן די צייט! אכזריות׳דיק איז דער גורל געווארן צו אונדז! אבער דערפאר האט אונדז דאס לעבן, זווילנדיק אדער נישט ווילנדיק אוועקגעשטעלט קלארער, פרעציעזער און דעפיניטיווער אין באצוג צו אונדזערע באדערפנישן און פאלקסלעכע נויט־ווענדיקייט, „ווען לעבן—איז נישט ערגעץ אנדערשווו ווי דארט, אין די אלטע, היסטארישע ירושה פון יידישן פאלק,



די עהרן־וואך פון קבוץ "אחוד"—פאר דער ענטהילונג פון דענקמאל.

אין ארץ־ישראל"! און זאגאר, ווען סקומט אויס צו קעמפן און דעם טויט צו געפינען—בלייבט עס מיט אלע, אנדערע אויף די אינטערנאציאנאלע ארענע רעכטלעך, יורידיש די פארמולירטע פארלאנגען אין דער שפיץ צו שטעלן און צום גינסטיקן לעזן.

ל י י ד ע ר! נאך אונדזערע 6 מיליאן קרבנות—זע־נען מיר אפגעווארפן געווארן צו שטעלן אונדזערע פארע־

רונגען אויף די אינטערנאַציאָנאַלע ארענע, דאַקעגן אין אונדזער נאָמען, אין נאָמען פון אונדזערע מיטבירגער אין פאַרשידענע מלוכות—קעמפט מען פאַר די פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט יאָ אויף די אינטערנאַציאָנאַלע ארענע אָפנהאַרציק און גרויסמוטיק, נור מיר, די לעבנגעבליבענע, וועלכע דאַרפן ציען דעם פּראַקטישן מוסר־השכל פון אונדזערע געפאַלענע און גלייכצייטיק, מיט אַלע אַנדערע פעלקער — אונדזערע פאָדערונגען פון טעריטאָריאַלע אָנאָפּהענגיקייט און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט — איז געבליבן ווי אַ פוסטער קול אין מדבר.

טייער האָט אונדז געקאָסט ביז מיר, אַלע האָבן זיך אויסגעלערנט צו זאָגן „זוען לעבן — איז נישט ערגעץ אַנדערשוואו — ווי דאָרט, אין די אַלטע, היסטאָרישע ירושה פון יידישן פאָלק אין א״י", און נאָך טייערער וועט אונדז קאָסטן, אויב מיר וועלן נישט זיין פאַרזיכטיק איינצושטעלן דעם קאַמף פון יעטוועדנס לעבן אין די ראַמען פון אַ אָרגאַניזירטן כלל, פון אַ באַוווּסטזיניקע אַלגעמיינהייט, אין די אינטערעסן אַלס אַ פאָלק, אַלס אַ גאַנצעס.

עס ווידערהאַלט זיך נישט מער קיין דענקמאָל! איבערהויפּט קיינע דענקמעלער! און זוען שוין יאָ, נישט אַלס געפאַלענע זון און טעכטער פאַר די פרייהייט פון פוילן, רומעניען, יוגאָסלאַוויען אָדער ערגעץ אַנדערשוואו. נ י י ן! מיר קעמפן פאַרן יידישן פאָלק און פאַרן יידישן לאַנד, פאַר אונדז און פאַר אונדזערן, צוקונפטיקן דור...

שלאָמאָוויטש שמואל

# לאָמיר לערנען פון די פאַרגאַנגענהייט...

אַ טריט פאָרויס, אַ טריט זער אַ וויכטיקער אין איצטיקן מאָמענט, אַ מאָמענט ווען די שונאי־ישראל בכלל און די שונאי־ציון בפרט אַרגומענטירן נאָך אַלץ מיט דעם אַלטן שאַנד־ווערטל אַז מכלומרשט נישט אַלע יידן זענען ציון אַנהענגער און נישט אַלע ווילן זען אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל.

אָט אַזאַ שענדלעכע ערקלערונג האָט אָפּגעגעבן צווישן אַנדערע דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער ב ע ו י ן אין אונטערנהויז זאָגנדיק אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע רעדט נישט אין נאָמען פון גאַנצן יידנטום, ווייל די ציוניסטן האָבן אונטער די יידישע מאַסן אַליין געגנער פאַר זייער אידעע. מיר ווייסן גוט אַז דאָס איז בכלל און לחלוטין נישט אמת און אָט דאָס אַלעס איז נור אַ תירוץ: פאַרשלעפּן, אַרויסצוזאָגן אונדזער רעכט פאַר ארץ־ישראל, ווי אַלע מיטלען און תירוצים ביז אַהער.

מיר מוזן אָבער אַ ענטפער געבן אויף דער שענדלעכער ערקלערונג און דאָס איז נישט גענוג בלויז מיט דעם, אַז מיר ו ו י י ז ן סימפּאַטיע פאַר ציוניזם. נ י י ן!

עס איז געקומען די צייט צו ו ו י י ז ן אַקטיוויטעט, באמת אַקטיוויטעט ב ל ב ו ב נ פ ש. און אונדזערע פריערע קאַמפן פאַר ציון־געדאַנק האָבן מיר הויפּטזעכלעך אונדזערע געגנער און די צוויי עקסטרעמע עלעמענטן געטראָפן, איינער פון די אַסימילאַנטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שנעל און לגמרי אָפּגערעכנט. זיי זענען פאַרפאַלן אין געזונקענעם תהום. דער צווייטער צד איז געווען די עקסטרעמע חסידים מיט זייערע אָנפירערשאַפט בראש. טאַקי אַ וויכטיקער עלעמענט פאַר אונדזער אידעאַל. מיט דעם עלעמענט האָבן אָבער אָנגעפירט מנהיגי הדור, וועלכע האָבן זיך פשוט איינגעהילט אין אַ טלית פון מכלומרשטע יראה און קדושה, באַרופנדיק זיך אויף פאַרשידענע פשטלעך און פאַרגעסנדיק לגמרי אונדזערע הייליקע שבועה פאַר ארץ־ישראל „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני" און אין זעלבן מאָמענט פרעגט זיך „איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר". און אָט די אָנפירער אַליין אין דער עת־צרה, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין זייער אייגענער הצלת־נפש הגם זיי האָבן אונדז פריער געלייגט אסורים און חרמות צו עליה ובנין ארץ־ישראל האָבן דווקא דורך און ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געזוכט און געטראָפן מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, פאַרפאַלן לאָזנדיק זייערע אַנהענגער. ארץ־ישראל, די טרייע מאַמע, וואָס וואַרט אויף אירע, אַלע קינדער האָט זיי אַריינגענומען ווי אַ מוטער וואָס איז מוחל אויך פאַר קינדער, וואָס זינדיקן געגן איר.

מיר ווילן אין איצטיקן מאָמענט נישט קומען מיט באַשולדיקונגס־אַקטן געגן זעמען עס זאָל נור זיין, לאָמיר אָבער דעם פאַרגאַנגענעם־טרויעריקן עבר אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל אויף להבא, די צייט האָט אונדז, ציונים גערעכטפערטיקט, נור לײדער האָבן מיר דערפאַר אַ זער, זער טייערן פּרייז באַצאָלט, מיט אונדזערע גרויסע קרבנות אויפן מזבח פון אייראָפּעאישן כבשן אש — מיט אונדזערע טייערסטע, נענסטע און ליבסטע.—און אָט פאַר דעם רעקאָמענדירן זיך מיינע ווערטער הויפּטזעכלעך צום רעליגיעזן יידנטום, עס איז געקומען די צייט פון טאַט, די צייט פון קום עשה—קומט און העלפט צו בויען ציון—העלפט בויען אַ ארץ־ישראל על פי התורה והמסורה, אַ ארץ־ישראל ברוח ישראל סבא אין גייסט פון אונדזערע תנאים און אמוראים, מיר האָבן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג די „מ ז ר ח י" פראַקציע, וואָס איר יסוד און פּרינציפּ איז ארץ־ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל. אָט די ריכטליניע איז לאַנג אָנגעגעבן און ווערט מיט גרויס השגחה איינגעהאַלטן. די פראַקציע איז אויך אָנערקענט אין ארץ־ישראל, וואָס פאַרנעמט זיך אויך מיט השגחה אַרבעט און זענען כשרות על פי התורה והמסורה. מיר ווילן אין איצטיקן

# ד״ר גולדמן אין ציילסהיים

א אנגענעמע איבעראשונג איז געווען דער פלוצלונגער באזוך פון פארטרעטער פאר אויסערן־ענינים פון יידישן־וועלט קאנגרעס, מיטגליד אין דער יידישער עקזעקוטיווו אין זשענעווע — דער באקאנטער און אלעמען באליבטער — ד״ר נחום גולדמן, — וועלכער האט אויף זיין דורכרייזע קיין מינכן — פארהאלטן זיך דא אין פראנקפורט און באוויליקט א דאנק די באמיונגען פון ציוניסטישן ועד, טראץ זיין באגרענעצטער צייט — אויפצוטרעטן מיט א לעבעדיקן גרוס פון א״י, פון וואנען ער איז מיט אייניקע טעג צוריק געקומען.

די ידיעה וועגן אנקום פון ד״ר נחום גולדמן האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט איבערן גאנצן צענטער און ארויסגערופן א געוואלטיקע פאראינטערעסירונג און שטארקע צופרידנהייט ביי די גאנצע אן אויסנאם יידישע געזעלשאפט אין ציילסהיים.

מאנטיק דעם 46 ־ 1־7 ווי נאר דער מיקראפאן האט אנגעקינדיקט דעם רעפעראט פון חשובן גאסט אויף 4.30 נ. מ. אין גרויסן עס זאל — האבן שוין נאך מיט א שעה פריער, אנגעהויבן שטראמען מאסן מענשן — וועלכע האבן פארפולט דעם זאל פון עק ביז עק.

פינקטלעך, צו דער אנגעקינדיקטער שעה ערשיינט אין זאל ד״ר נחום גולדמן אין באגלייטונג פון אקטיווע ציוניסטישע חברים און פארשטעער פון אלע קולטור אפ־צווייגונגען, ווי אויך דער היגער „אונרר״א״ דירעקטאר נאטהאן, וועלפאר־אפיציר פלאטאז, — „דזשאינט״ פארשטעערן מיס. סעדי סענדער און פארנעמען דעם פארגעברייטן פרעזידיום־טיש.

דער מזכיר פון ציג. ארג, ח. דיאמאנסקי יצחק באגריסט דעם חשובן גאסט מיט הארציקע ווערטער און גיט אים איבער דאס ווארט. דער גאנצער זאל רעאגירט אויף דעם, מיט שטורמישע אפלאדיסמענטן.

ביי א פולשטענדיקע, רויקע אויפמערקזאמקייט הייבט אן ד״ר נחום גולדמן זיין רעפעראט באדויערנדיק דעם פאקט, וואס ער ברענגט מיט זיך נישט מיט, די רעאלע רעטונג פון א לעגאלע עליה־מעגלעכקייטן קיין ארץ־ישראל — אין א מאמענט ווען די טראגישע אומשטענדן פון די לעבן־געבליבענע יידן איז דערגאנגען צום העכסטן קולימינאציע פונקט, — קען אנפילן יעדן איינעם פון אונדז מיט

דעם ביטערסטן געפיל און סאיז טאקי דעריבער זער שווער פעסטצושטעלן די אביעקטיוויטעט אין די איצטיקע פאליטישע גורמים, — וועלכע האבן זיך אוועקגעשטעלט אויפן וועג פון פארווירקלעכן די פרייהייטס שטרעבונגען פון יידישן פאלק אין זיין אלט־היסטארישן לאנד. אבער טראץ דעם איז נישטא קיין גרונד פאר פעסימיזם—זעצט פאר חשובער רעדנער, — הגם פון די פארגאנגענע וועלט קריג נאך וועלכער ס׳זענען געבליבן אין אייראפע איבער 10 מיליאן יידן און דאגעגן איצט, נאך די וועלט קריג זוו ס׳זענען געבליבן אין אייראפע אריינרעכנדיק סאוויעט־רוסלאנד ביז לערך 3 מיליאן יידן — איז אבער דערפאר די באציונג פון די פאליטישע וועלט־פאקטארן צו אונדזערע נאציאנאל־פאליטישע צילן, אזא, ווי מען באציט זיך צו א פולשטענדיקן, רייף־געווארענעם, זעלבסשטענדיקן מענש וואס מען קען אים נישט איגנארירן, מען קען זיין פאר אים אדער קעגן אים. אין אונטערשיד צו דער צייט מיט 25 יאר צוריק, ווען די וועלט האט זיך באצויגן צום ציוניזם, ווי מען באציט זיך צו א קינד, מיט וועלכן מ׳צאצקעט זיך, אבער מען נעמט עס נישט ערנסט.

די וועלט קען שוין ביים היינטיקן טאג נישט אריבער גיין צום סדר־היום פון דערלעדיקן און איינשטעלן א פאליטישן פרידן אויף דער וועלט, נישט געפונענדיק גלייכצייטיק קיין לעזונג אויך פאר די גערעכטע פאליטישע פאדערונגען פון יידישן פאלק אין ארץ־ישראל — אלס די איינציקע לעזונג פון דעם אזוי טראגיש־געווארענעם יידישן פראבלעם איבער דער גארער וועלט.

און דאס מחמת די דריי הויפט פאקטארן:

1). די אלגעמיינע עפנטלעכע מיינונג אין אמעריקע, צוזאמען מיט די 5 מיליאן יידישע וויילער, (מיט קליינע אויסנאמען) זענען גינסטיק געשטימט צום א״י פראבלעם, קען פיל ביישטראגן, ביי די איצטיקע ערשטראנגיקע ראל, וואס זי שפילט אין דער אינטערנאציאנאלער־וועלט־פאליטיק, — צו א פאזיטיווער לעזונג, פון דעם ברענענדיקן פראבלעם און זין פון די יידישע אספיראציעס.

2). דאס פראבלעם פון דער שארית הפליטה גופא, פאר וועלכן מ׳מוז געפונען א באלדיקן מקום מקלט און שום פארצעגערונג און פארשלעפונג בכדי אויפצוהערן זיין א שטענדיקע צרה אין די געגעבענע לענדער.

דריטנס, און דאס איז דער הויפט פאקטאר, דאס זענען די 600 טויזנט יידן אין ארץ־ישראל, מיט זייער איינגעפונדעוועטער, זעלבסטשטענדיקער ווירטשאפט פון דארף און שטאט, מיט דער ארגאניזירטער פארטיידיקונגס־קראפט פון הגנה,—בילדן א געוואלטיקן רעאלן כח, אין דעם אומדערשיטערלעכן קאמף פאר א פרייער עליה, און יידן־שטאאט.

דאס איז אוממעגלעך צו איגנארירן סיידן ווען, דאס היינטיקע דעמאקראטישע ענגלאנד מיט דעם מיניסטער

---

מאמענט נישט מאכן פראפאגאנדע פארן „מזרחי״—פאר אונדז איז היינט אין אזא שווערן מאמענט, וואס מיר לעבן אדורך דאס וויכטיקסטע — אחדות—ווייל יעדע קלענסטע צערשפליטערונג ברענגט פאר אונדז שוואכקייט און מיר דארפן אונדזערע אלע כחות פארייניקן און ווייזן אונדזערע שונאים — שונאי־ציון אז מיר זענען עם אחד — בלב ובדעיון אחד. און מיט איין געדאנק ווילן מיר א סובערענע פרייע מלוכה, פאר יעדן ייד אין ארץ־ישראל.

בעווין בראש, וועלן זיך דעצידירן צו ליקווידירן דעם ישוב אויפן היטלעריסטישן שטייגער און אויף אזא ריזיקאלישן וועג וועט זי זיך קיינמאל נישט דערלויבן. די אויפנאמס מעגליכקייטן פון ארץ־ישראל,—ביים היינטיקן טאג זענען גענוג בכדי אריינצונעמען די אלע, וועלכע שטרעבן אהין אריינצוקומען, — שטעלט ווייטער פעסט ד״ר גולדמן, ער אילוסטרירט דאס מיט פאלגענדן פאקט, בעת דער אמאליקער פעלקער־בונד קאמיסאריאט, פאר לעזן דאס פראבלעם פון דייטשע פליטים, וואס איז באשטאנען פון א פארטרעטערשאפט פון 22 מלוכות מיט וועלכע דער רעדנער גופא האט מיטגעארבעט, איז ביים אויספארשן די איינפאר מעגלעכקייט פון כמעט אלע לענדער אין דער וועלט פאר 120 טויזנט דייטשע פליטים האט מען שטענדיק און פון אלע באקומען דעם גלייכן „בארעכטיקטן" אפזאג, — אזוי לאנג ביז דאס קליינע א״י האט שטילערהייט אן קאמיסיעס, אן קאנפערענצן, ארייגענומען צו זיך די גאנצע צאל פליטים און געפונען פאר זיי עקזיסטענץ־מעגליכקייטן פון לעבן און שאפן. און דער גאנצער פעלקער־בונד אפאראט האט געמוזט באגיין קאלעקטיוון זעלבסט מארד.... מיט פולשטענדיק אויפלעזן זיך.

וואלט ארץ־ישראל נישט געווען אין דעם וואגיקן כמות און איכות, וואס זי שטעלט מיט זיך איצט פאר, וואלט דאס יידישע פאלק געווען אויסגעשטעלט אויף א גרויסע סכנה.

איבערגייענדיק צו א רעזומע פון די 3 הויפט גורמים וואס ווירקן לטובת אונדזער געמיינזאמער נאציאנאלער זאך, קומט ער שליסליך צום אייספיר אז אונדזער איצטיקער שווערער געראנגל פאר עליה, און א יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, וועט זיבער האבן דעם געווונשענעם נצחון אין דער נאנטער צוקונפט. מיט דעם ענדיגט ד״ר גולדמן זיין קנאפע 2 שעהדיקן רעפעראט. עס דערהערן זיך שטורמישע אפלאדיסמענטן.

דער גייסטרייכער און טיף אנאליזירטער רעפעראט פון חשובן גאסט, וואס האט ממש געשפרודלט מיט פערל־געדאנקן האט איבערגעלאזט אויפן פארזאמלטן עולם, א טיפן און אומפארגעסלעכן איינדרוק וואס האט זיך אויסגעדרוקט אין א ספאנטאנען זיך אויפהייבן פון די ערטער, און א באגייסטערטע שטימונג געזונגען „התקוה".

א צופרידענער איז זיך דער עולם פונאנדערגעגאנגען א היים. דער גאסט מאכט נאך א קורצן באזוך אין מזכירות פון דער ציוניסטישע ארגאניזאציע. און נאך א הארציקן געזעגנען זיך מיט ׳אלע חברים, — פארלאזט ד״ר נחום גולדמן דעם ציילסהיימער צענטער.

ס. ר.

אייבעשיץ יונתן

# דער מוסר השכל פון די איצטיקע קריג

עס איז פאראן, א זאץ אין תנ״ך „אשרי אדם מפחד תמיד" ווייל איז דעם מענש, וואס האט שטענדיק מורא, אבער דאס איז נישט, אז ער דארף זיין שטענדיק אין שרעק, נור דער מיין דערפון איז, אז דער מענש דארף זיין פאראנטווארטלעך פאר זיינע מעשים, ער דארף שטענדיק מורא האבן אז זיינע טאטן זאלן נישט האבן קיין שלעכטע קאנסעקווענצן, איידער ער גייט עפעס טון, אדער עפעס שאפן, זאל ער גוט באטראכטן די פאלגן וואס קענען דערפון ארויסקומען.

אויף דעם זעלבן, באקלאגט זיך אויך דער נביא, „טח עיניהם מראות" עס זענען פארשמירט זייערע אויגן פון צו זעען, דאס זעלבע אויך ביי אונדז, עס זענען פאראן פיל מענשן, וואס זעען, אבער זיי דערזעען נישט, זיי געבן זיך נישט אפ קיין דין וחשבון פון דעם וואס פאסירט, פון דעם וואס טוט זיך ארום זיי.

דאס וויכטיקסטע ביי א מענש איז די באאבאכטונג, ביי יעדער ערשיינונג וואס עס קומט פאר אין מענשלעכן לעבן, דארפן די חושים פון מענש רעאגירן אויף פאלגענדן אויפן, דאס אויג דארף דערזען, דער געדאנק דארף עס דורכטראכטן, און גלייכצייטיק דארף דאס הארץ דערפילן.

עס זענען פאראן, פיל מענשן, וואס ס׳קומען פאר אין זייער לעבן פארשידענע געשעענישן, און זיי דערזעען נישט, דאס קלאפט נישט אן אין זייערע מוחות. עס לאזט ביי זיי נישט איבער קיין שום רושם, עס רופט ביי זיי נישט ארויס קיין שום רעאקציע, די סארט מענשן זענען גייסטיק זער שוואך אנטוויקלט, די מוחות זייערע זענען פארמאכט.

אבער באמת דער מענש, וואס שטייט נאר אויף א געוויסן קולטורעלן ניווא, דארף זיך ביי יעדע געשעעניש, ביי יעדע פאסירונג, וואס עס קומט פאר אין זיין לעבן, זיך אפשטעלן, זיך גוט פארטראכטן, און ארויסציען דערפון געהעריקע מסקנות.

עס איז געשען אין די קריג א געשעעניש פארן גאנצן יידישן פאלק, וואס האט געדארפן אויפטרייסלען, נישט בלויז אונדזערע הערצער און נישט בלויז אונדזערע געפילן, נור אויך אונדזערע געדאנקן, אונדזער גאנץ וועזן -- עס האט באדארפן ענדערן אונדזער גאנצן צוגאנג צום לעבן.

מען קען נישט זאגן אז דער קריג האט אונדז לגמרי נישט געענדערט, ניין! געענדערט האבן מיר זיך יא! נור בלויז אין איין פונקט, און נעמלעך: דער איינציקער ציל און אויסוועג, איז צו עמיגרירן קיין ארץ־ישראל, דאס

איז אפילו די וויכטיקסטע ענדערונג, אבער מען טאר אויך נישט פארגעסן, אז מיר קומענדיק קיין ארץ־ישראל אין דעם פארקריפלטן צושטאנד ווי מיר געפונען זיך איצט, זענען מיר שעדלעך פאר אונדזערע דארטיקע ברידער, ווייל דאס איז אלעמען באוווּסט אז שלעכטס לערנט מען זיך לייכט...

דעריבער, דארפן מיר אונדזערע קראנקע אייגנ־שאפטן, וואס מיר האבן איבערגענומען, זייענדיק אין די לאגערן—אויסצוהיילן, מיט די מיטלען פון לערע און בילדונג, אזוי ווי עס איז פאראן א אויסדרוק „החש בראשו" דעם וואס טוט ווי דער קאפ, ד. ה. דער, וואס דער מת זיינער, דער געדאנק זיינער איז קראנק, „יעסוק בתורה" זאל ער עוסק זיין אין לערע, אין בילדונג, ווייל דאס איז די איינציקע רעצעפט צו דער געדאנק־ קראנקהייט.

און אויב מיר וועלן נישט פארברענגען אונדזערע טעג מיט פוסטע זאכן, נור מיר וועלן אויסנוצן די צייט אויף לערע, וועלן מיר עולה זיין קיין ארץ־ישראל צו אונדזערע ברידער, אלס א געזונטער עלעמענט, וואס וועט האבן א ווירקונג אויף דעם ווייטערן אויפבוי פון ארץ־ישראל, אלס א קולטורעל, יידיש פאלק.

# דער קאנגרעס אין מינכן



בן גוריון בעת זיין רעפעראט אויף דעם קאנגרעס אין מינכן.

דער קאנגרעס פון די באפרייטע יידן, אין דער אמעריקאנער זאנע פון דייטשלאנד, וואס איז אבגעהאלטן געווארן אין מינכן אין די טעג פון 27—29 יאנואר 1946, איז בלי ספק א געשעעניש פון ערשטראנגיקע באדייטונג אין לעבן פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאנד און וועט זיכער זיין א ווענדעפונקט אין ווייטערדיקן גאנג פון דעם דערוויילעקן אויפהאלטן זיך אויפן בלוטיקן דייטשן באדן, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

צו דעם קאנגרעס זענען זיך צונויפגעקומען 112 דע־לעגאטן פון אלע מקומות און יידישע קיבוצים פון דער אמעריק. זאנע, א גרעסערע צאל אינלענדישע און אויס־לענדישע געסט.

צווישן די אויסלענדישע געסט האבן זיך געפונען א ריי פראמינענטע און חשובע פערזענלעכקייטן, מנהיגים פון וועלט יידנטום ווי: ד"ר יצחק שווארצבארד, פארזיצער פון אדמיניסטראטיוון קאמיטעט פון יידישן וועלט קאנ־גרעס, ה' מאיר יארבלום אלס א רעפרעזענטאנט פון פראנצויזישן יידנטום, הרב עמרם בלום פון דער רבנות הראשית אין ארץ־ישראל „דזשאינט" און „היאס" פאר־ט־עטער, און אחרון אחרון חביב דער אלעמען באליבטער חבר און פירער פון דער א"י־דיקער ארבעטערשאפט, פארזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ— דוד בן גוריון.

די אלע דערמאנטע האבן צוגעגעבן דער קאנפע־רענץ א געוואלטיקע פאליטישע וואג און באדייטונג, כלפי דער דרויסנדיקער וועלט.

דער אינטערעס מצד דער פרעסע צו דעם „הערלעך טראגישן" (לויט א געוויסע באצייכנונג) קאנגרעס איז געוועזן דאסגלייכן א גאנץ שטארקער, אחוץ די ארטיקע דייטשע און יידישע פרעסע פארטרעטער, זענען אויך גע־וועזן אזעלכע באדייטנדיקע זשורנאליסטן און קארעספאנ־דענטן ווי: מאריאן זשיד פון לאנדאן און ה' נירנבערגער, פון ניו־יארקער „מארגן זשורנאל", וועלכער האט געלאזט שטיין אין מיטן דערינען דעם פראצעס אין נירנבערג אויף וועלכן ער געפינט זיך אלס ספעציעלער שליח, און גע־קומען נאך מינכן בכדי צו זען די שליחי ציבור פון דער שארית־הפליטה און הערן זייער געשריי און פאדערונג נאך פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט אויף אייגענער ערד.

די צערעמאניאל פייערלעכע דערעפנונג פון קאנגרעס, אין די זאלן פון אלטן מינכענער ראט־הויז — די שטאט פון אלט בייערישן יחוס און שטאלצן גערמאנענטום פון אמאל, און מ"ט שערי טומאה מקום, דאס געבורטס ארט פון עקלהאפטן נאצי־שרץ פון היינט — וואס האט זיך געעפנט מיט'ן נאציאנאלן הימן די „התקוה", ווי אויך דאס שטאלצע פלאטערן פוןביידע זייטן פרעזידיום טיש,

די אמעריקאנער און בלוי־ווייסע פאנען צוזאמען מיט די אויפשריפטן איבער די קעפ פון פרעזידיום פון וועלכער ס׳האבן מיט אזא בולטקייט אראפגעשריגן די הערלעכע כמעט שבועה ווערטער; כ ל ע ו ד ב ע ו ל ם ד ו פ ק ל ב י ש ר א ל, א ת א ר ץ ־ י ש ר א ל פון ד. שמוע־נוביץ, איז געווען די סאמע איינדרוקס־פולסטע דעמאנס־טראציע פון א פאלק, וואס טראץ זיין „המעט מכל העמים" און דורותדיקער פארטיליקונג, לעבט עס ווייטער, און איז אומדערשיטערלעך, אין זיין אנטשלאסענעם קאמף פאר נאציאנאלער באפרייאונג און סאציאלער באנייאונג.

אין דעם זין האט טאקי געקלונגען די דערעפנונגס רעדע פון פארזיצער פון צ. ק. ד"ר ז. גרינבערג, די רעדע איז ווירקלעך געווען א מייסטער־שטיק פון אלזייטיקייט, וואס האט ארומגענומען דעם גאנצן פראבלעמען־קאמפלעקס, פון יידישן פאלק בכלל, און דער שארית הפליטה בפרט, וואס האט באקומען זיין שרעקלעך טראגישע באלויכטונג ביים שיין פון גאז אויוונס און קרעמאטאריעס, ווו עס זע־נען פארברענט און פארניכטעט געווארן, די 6 מיליאן יידישע קרבנות.

די רעדע איז געווען איין גרויסער באשולדיקונגס־אקט אקעגן דער גאנצער ציוויליזירטער אייראפע, וועלכע איז, און גייט ווייטער אדורך שטילשווייגנד, איבער דעם ביישפיללאזן מארד פארברעכן פון דער געשיכטע. דאס איי־ראפע האט, אלס לוין פאר דעם גרויסן און שעפערישן צושטייער פון יידנטום, זייט אלע צייטן פון זיין רומפולער מארטירער געשיכטע לטובת דעם דערהויבן די אייראפע־אישע פעלקער אויף א העכערער קולטור מדרגה — אבגע־צאלט מיט מאדערנע און פרעציעזע מארד מכשירים צו א טאטאלער פארניכטונג פונם זעלבן יידנטום.

און אז ס׳האט זיך, על פי נס א קליינער רעשט פון דעם פילמיליאניקן אייראפעאישן יידנטום, דאך געראַ־טעוועט, איז נאך אלץ קיין שטיקעלע פלאץ פאר אט די מענשן נישטא. ד"ר גרינבערג ווענדעט זיך צום סוף צו די וועלט פאליטישע פאקטארן, מיט אן׳אפעל, אבער צוגלייך דרינגענדע פאדערונג ווענגן ווידער גוט מאכן די היסטא־רישע אומרעכט, לגבי דעם יידישן פאלק און שרייט אויס „ג י ט א ו נ ד ז צ ו ר י ק א ר ץ ־ י ש ר א ל", אויף וואס דער גאנצער זאל ברעכט אויס מיט שטורמישע אפלאדיסמענטן, פילנדיק, אז ד"ר גרינבערג פערזאניפי־צירט מיט זיך, דעם ערלעכן און געטרייען שליח ציבור, וועלכער איז ראוי און בארופן צו רעדן אין נאמען פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאנד,

בשעת דער אזכרה צום אנדענקן פון די 6 מיליאן קדושים, דורכן חזן שענקער שטייט דער עולם מיט צי־טערדיקער חרדת קודש, געבויגן די קעפ און א טיפער שוידער נעמט דורך יעדן איינעם, טיכלעך באווייזן זיך ביי פילע דעלעגאטן ווישנדיק די טרערן, באלד אבער שטארקט מען זיך „אל בכות" נישט דער מאמענט איצט, צו פא־סיווער אבלות, א צואה א גרויסע, א חוב, א הייליקער לאסטעם. אויף אונדז אלעמען, די נישט דערלעבטע טרוי־מען אין חלומות, פון אונדזערע טייערע און ליבע, אין ווירקלעכקייט צו פארוואנדלען און דאס איז: זיכערן און געבן דעם פאלק א נייעם ליכטיקן מארגן און א זעלבסט־שטענדיקער יידישער מדינה צוגלייך מיט אלע פעלקער אין ארץ־ישראל.

באלד דערויף באקומט דאס ווארט אונטער שטארקע און לאנגדויערנדע אפלאדיסמענטן ח׳ ב ן ג ו ר י ו ן וועלכער רעדט דאס מאל ענגליש, פארענטפערנדיק עס, מיט פאליטישע סבות, וואס ווערט פון אלעמען געניי פאר־שטאנען, וויסנדיק אז אויף אזא ערלעכן טוער און ציוויל־מאנער פארן יידישן פאלק ווי בן גוריון קאן מען זיך פול־שטענדיק סומך זיין, הגם אין ענגליש, וואס דאס רוב דע־לעגאטן פארשטייען נישט, האט זיך אבער בולט געלאזט פילן דער אנטשלאסענער און דעצידירטער טאן פון די ארויסגעשטורמטע ווערטער וואס ער האט געשלידערט דער צביעות׳דיקער וועלט אין פנים אריין.

מיט ווארעמע באגריסונגען טרעטן אויף איינער נאכן אנדערן, די פארטרעטער פון דער אמעריקאנער מיליטער רעגירונג, קאלאנעל ראלפע, לוידי רעדינג, ריכטער ריפקינד, די דייטשע מאכט פארשטייער, בייערישער מיניסטער פרע־זידענט ד"ר העגנער און שטאטס־קאמיסאר הערמאן אמוער.

דאן קומען מיט הארציקע באגריסונגען; הרב בלום, אין נאמען פון רבנות הראשית אין ארץ־ישראל, ח׳ מאיר יארבלום אין נאמען פון פראנצויזישן יידנטום, „דזשאינט" דירעקטאר ה׳ בעקער, „היאס" ח׳ דעזשור און ה׳ לאהם פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס.

מיט א באזונדערס ווארעמע רעדע טרעט ארויס ד"ר יצחק־שווארצבארד, וועלכער רעדט מיט הארץ, ציטערט ממש פאר אויפברויז, שטעלנדיק דער ארומיקער וועלט, דעם טראגישן „פארוואס" ?... האט דאס וועלט געוויסן, געשוויגן, ווען מיליאנען פרויען, מענער און קינדער זענען געשוחטן און געברענט געווארן, און ווי אזוי איז עס בכלל מעגלעך געווען אז בשכנות מיט קירכן, אוניווערסיטעטן זאלן זיך גאר געפינען טויט מאשינען און מארד פאבריקן. די ווערטער זיינע מאכן א טיפן רושם אויף אלע אנוועזנדע דעלעגאטן און געסט.

מיט התקוה און אמעריקאנער הימן ווערט־די ערשטע פייערלעכע זיצונג געשלאסן.

די רעשט זיצונגען און די איינגנטלעכע קאנגרעס ארבעט קומען שוין פאר אין די זאלן פון צ. ק. אויף זי־בערט שטראסע 3.

מאנטיק דעם 28 יאנואר 11 פארמיטאג עפנט זיך די צווייטע זיצונג, אויף וועלכער עס ווערן אויסגעהערט די באריכטן פון די באזונדערע רעסארט־לייטער, איבער דער טעטיקייט פון אלטן צ. ק. עס ווערן דאן אויסגעוויילט די פערמאנענץ און מאנדאטן קאמיסיע, א פרעזידיום פון דער קאנפערענץ מיט ד"ר גרינהויז פון לאנדסבערג בראש.

נאכמיטאג הויבט זיך אן די גענעראל דעבאטע אין וועלכער עס באטייליקן זיך כמעט דאס רוב דעלעגאטן, אפהענגיק נאטירלעך, פון טעמפעראמענט און מענטאליטעט פון יעדן דעלעגאט באזונדער קומט די קריטיק ארויס ווייניקער, אדער מער שארפער, אבער דאך זאכלעך און אויף

א געהעריקער ניווא. די דעבאטע ווערט נאך פארטגעזעצט צומארגנס דינסטיק דעם 29־טן ביז האלבן טאג.

נאכן אויסוויילן די צענטראלע אינסטאנצן פון פארבאנד ווי, דער ראט, צ. ק., רעוויזיאנס־קאמיסיע, און געריכט ווערן פארגעלעזן די פאלימישע רעזאלוציעס, סטאטוט פון פארבאנד, ארגאניזאציאנעלע באשלוסן, וועלכע ווערן איינשטימיק אנגענומען.

דער צום צווייטן מאל געוויילטער פרעזעס פון פארבאנד ד״ר גרינבערג באדאנקט די דעלעגאטן, קאנסטאטירנדיק דעם הויכן ניווא פון דער קאנפערענץ און נאכן באערן מיט 1 מינוט שווייגן די אומגעקומענע 6 מיליאן יידישע קרבנות ווערט דער קאנגרעס מיט „התקוה“ געשלאסן.

ר—ט מ.

## א באזוך פון פרוי רוזוועלט אין ציילסהיימער צענטער



א מאמענט, ווען דער פארשטעער פון יידישן קאמיטעט אין ציילסהיים — שלאמאוויטש ש. — באגריסט דעם חשובן גאסט.

פון רעכטס צו לינקס: וועלפאר אפיציר — פלאטאו, פרוי רוזוועלט, דירעקטאר — נאטהאן, סעקר. פון קאמיטעט שלאמאוויטש

(גענויערער באריכט אין נעכסטן נומער.)

## עפנטלעכע דאנקזאגונג.

די פולסטע און אויפריכטיקסטע דאנקבארקייט דריקן מיר אויס די „דזשאינט“ פארשטעערין, ביי אונדז אין צענטער ציילסהיים מיס. סעדי סענדער פאר איר אמת־איבערגעבענער ארבעט, לטובת דעם ערשיינען פון אונדזער זשורנאל.

די געערטע מיס. סעדי סענדער האט געוווסט בייצוקומען אלע טעכנישע שוועריקייטן און זיי צו ליקווידירן, אום צו ערמעגלעכן פאר אונדזערע אייגנווינער דאס פרייע ווארט און פרייען געדאנק פאר דער וועלט צו ברענגען.

זייט באגריסט מיס. סעדי סענדער, אין אייער ארבעט זעגנט איר מוטיק צו וועלכע מיר באציען זיך מיטן גרעסטן שטאלץ און רעספעקט.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
„אונדזער מוט“.

# פאָליטיש וועלט־נייעס

## מען איז מגלה סוד...

מאָסקווע פּאַט. דעם 11־2־1946 איז געוואָרן גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט, אין מאָסקווע, לאָנדאָן, און וואַשינגטאָן דער טעקסט פון דעם דערגרייכטן הסכם צווישן די 3 מלוכות וועגן דעם ווייטן מזרח, — וועלכער שטעלט פעסט די באַדינגונגען פון סאָוויעט רוסלאַנד אין מלחמה־צייט פאַרן באַגינען דעם קריג קעגן יאַפּאַן,—וואָס איז מיט א יאָר צוריק אונטערגעשריבן געוואָרן אין יאַלטאַ דורך: סטאַלין, רוזוועלט און טשערטשיל, וועלכע איז צוליב פאַרשטענדלעכע פּאָליטישע סבות ביז איצט נישט באַקאַנט געוועזן.

די פּונקטן לויטן:

1) רוסלאַנד טרעט צו אויף דער זייט פון די אַלירטע כוחות אין קריג קעגן יאַפּאַן.
2) איינהאַלטן דעם "סטאַטוס־קוואָ„ אין לעבן פון מאָנגאָליען.
3) רוסלאַנד ווערט צוריק געגעבן ווערן טעריטאָריעס, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך יאַפּאַן.
4) סאָוויעט רוסלאַנד באַקומט א טייל פון סאַכאַלין און אַלע טיילן וואָס געהערן צו דעם אינזל.
5) דער האַנדלס פּאָרט דאַניאַ ווערט א פרייער פּאָרט מיט גרויסע פּריווילעגיעס פאַר רוסלאַנד.

## א בעל רחמנות.

אויף איינע פון די זיצונגען פון "אונאָ„ האָט דער פאַרשטעער פון אורוגוואַי אַריינגעטראָגן א פאָרשלאָג, וועגן נישט אַרויסגעבן קיין טויט אורטיילן אין באַצוג צו קריגס פאַרברעכער. דער פּלענום האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן.

## אַנדערס — א מכניס אורח.

אַנדערס אַרמעע אין איטאַליען, באַדראָט דעם שלום אין אייראָפּע שטעלט פעסט ווישינסקי, ער פאָדערט דעריבער די באַלדיקע צוריקציהונג פון די אַרמעע, און זאָגט אַז א סך אַנטלויפנדיקע, יוגאָסלאַווישע פאַשיסטן ווערן אין דער אַרמעע פאַרשטעקט.

## מען וויל זיך נאָרמאַליזירן...

אין פּראָג האָט זיך צונויפגעקומען א פּויליש־טשעכישע קאָמיסיע, לשם באַהאַנדלען די אַלע דרינגענדע פּאָליטישע פּראָבלעמען פון ביידע לענדער, מיטן צוועק איינשטעלן נאָרמאַלע שכנ'ישע באַציונגען צווישן ביידע לענדער.

## ווישינסקי באַשטייט נישט...

ווישינסקי באַנוצט זיך מיטן וועטאָ־רעכט וואָס באַזיצט יעדער פאַרטרעטער, פון די 5 גרויס מאַכטן און דערלאָזט נישט קיין רעזאָלוציע לטובת דעם ענגלישן שטאַנדפּונקט, וועגן ווייטער לאָזן די ענגליש—פראַנצויזישע טרופּן אין סיריען און לבנון, און האַלט זיך דורכאויס ביי זיין פאָדערונג וועגן דעם אומבאַדינקטן אַרויסציען די טרופּן

## פיל צו ווייניק...

פון נישט אָפיציעלע קוועלן ווערט געמעלדעט אַז ביי די אַלירטע גרויס מאַכטן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דאָס די אָקופּאַציע אין דייטשלאַנד וועט דויערן פון 15—10 יאָר.

## די סדרה לך־לך...

פון קאַירא ווערט געמעלדעט, דאָס דאָ, ווו אויך אין אַנדערע שטעט פון עגיפּטן זענען פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס מיינסטנס פון סטודענטן, און אַנדערע איינטעלנעמער מיט לאָזונגען וועגן דעם פאַרלאָזן פון בריטישן מיליטער דעם עגיפּטישן באָדן.

## נאָך מיט א "צדיק„ ווייניקער.

דער ספּעציעלער טריבונאַל אין אַרנאַלד (בעלגיע) האָט אַרויסגעגעבן א טויט־אורטייל, אויפן מיטגליד פון א ס.ס. דעוויזיע, דעם בעלגיער—הובערט, וועלכער האָט אַלס דייטשער פאַראַשוטיסט אַנטייל גענומען אין אַן אָנגריף אויף דער הויפּט קוואַרטיר פון מאַרשאַל טיטאָ אין יוגאָסלאַוויען.

## רעדע פון פּרעמיער גרוזאַ...

פּאַריז פּאַט.

דער רומענישער פּרעמיער גרוזאַ האָט אין א רעדע דערקלערט, דאָס רומעניען קען שטיצן איר אויסן־פּאָליטיק, נאָר אויף א ענגע מיטאַרבעט פון סאָוויעט רוסלאַנד, האַלטנדיק דערביי, אויך גוטע באַציונגען מיט אַנדערע פעלקער.

רומעניען שטרעבט אַנצוקניפּן נענטערע באַציונגען מיט יוגאָסלאַוויען, פּוילן, אונגאַרן.

רעדנדיק וועגן פאַרשטעענדיקע וואַלן, — דערקלערט ער—דאָס די מלוכה וועט פאַרבעטן אָבסערוואַטאָרן פון די אויבנדערמאָנטע מלוכות, זיי זאָלן אַנוועזנד זיין בעת די וואַלן.

די פּאָליטישע פּאַרטייען געניסן אויך פון דעם רעכט צו קענען פאַרבעטן, נאָך אַנדערע אויסלענדישע אָבסערוואַטאָרן.

## א פאַרפלייצונג אין האָלאַנד.

אַמסטערדאַם: צוליב דעם דורכרייסן זיך, פון די וואַסער־דאַמבעס, איז אין דער האָלענדישער פּראָווינץ — געלדערן, אַנשטאַנען א גרויסע פאַרפלייצונג,—וועלכע האָט פאַרגאָסן די גאַנצע געגנד.

עס האָבן געליטן קרוב 20 טויזנט מענשן.

---

## מיט געאייניקטע כחות —
## צום זיגרייכן מאָרגן !!!

---

## מיר בעטן ביי אונדז זיך צו מעלדן:

1. געוועזענע קאַצעטלער פון קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער פלאָסענבורג. און 2. אַלע, וועלכע קענען אָפּגעבן גבית־עדות וועגן תלין פון טויטן־לאַגער „מאַידאַנעק", פּוילן, מוספעלד, וועלכער געפינט זיך איצט אין תפיסה. מיר בעטן אַלע צייטונגן דאָס איבערצודריקן.

היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צענטראַל קאָמיטעט

פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמ. זאָנע.

# ציילסהיימער כראָניק

## דער „קולטור־אמט“

דער „קולטור אמט“ ביים יידישן קאמיטעט וועלכער ווערט געלייטעט דורך א פרעזידיום אין באשטאנד פון די חברים: גורביץ צבי, רייכגאט מ. שלאמאוויץ ש. גערשענאוויץ מ. און קאם. מיטגל. ד״ר. קראנזאן בראש, פירט אן מיטן גאנצן גייסטיקן און קולטורעלן לעבן אין ציילסהיימער צענטער. ער פירט לעצטנס א ברייט פארצווייגטע טעטיקייט און באמיט זיך צו פארבעסערן אלע עקזיסטירנדיקע קולטור אינסטיטוציעס, ווי פאלקס - אוניווערסיטעט, קינדערשולע, ביבליאטעק, לייען - זאל, טעאטער א. א. וו. נישטא ממש קיין איין ווינקעלע פון קולטורעלן לעבן, וואס זאל נישט אדורכגיין דורך דעם “משרד - תרבותי„ יעדער רעפעראט, אימפרעזע ווערט דורך אים באשטימט אין דורכגעפירט. אין דער ארבעט פין קולטור - אמט העלפט אין א באדייטנדיקער מאס דער לייטער פין קולטור ענינים פון די באפרייטע יידן אין דייטשלאנד מצד „דזשוינט“ פראפ. פ י נ ס ן, וועלכער באמיט זיך צו באזארגן שול־ביכער אין עברית, העפטן יידישע און העברעאישע ליטעראטור ווי אויך די אויסלענדישע יידישע פרעסע פאר דער אלג. ביבליאטעק דער דערמאנטער איז זעלבסט שוין ארויסגעטרעטן מיט אייניקע געלונגענע פארלעזונגען און פארשאפט רעפערענטן פון צופעליק ווײלענדיקע אין דייטשלאנד אמעריקאנער געזעלשאפטלעכע טוער, וועלכע ווערן שטענדיק מאסנהאפט באזוכט. זיי ווערן אויפגענומען מיט אלגעמיינער צופרידענהייט און אנערקענונג.

## קינדער־שולע

א ביז גאר בכבודיק ארט צווישן די פאראנענע אין אונדזער צענטער, קולטור אינסטיטוציעס, פארנעמט בלי ספק די העברעאישע קינדער שול, אין וועלכע עס לערנען זיך בערך 90־100 קינדער. זי ווערט אנגפירט דורך די לערער, ח״ת חשה קופער און יהושע כהן, די דערמאנטע שטייען ביי זייער שול ארבעט זינט דעם ערשטן מאמענט פון איר גרינדונג און גיבן אוועק פיל כח און מי אוועקצושטעלן די שולע אויף א געהעריקע הויך. די באדינגונגען ביי וועלכע עס קומט זיי אויס צו פירן די ארבעט זענען באמת שווערע און נאר א דאנק דער מסירת נפש און אויפריכטיקער ליבע צו די קינדער זענען זיי ביכולת גובר צו זיין אלע מכשולים און הינדערנישן. די רעזולטאטן פון זייער ארבעט זענען טאקע גאר קענטיק. דאס האט שוין געפונען זיין אויסדרוק אין א ריי קינדער אימפרעזעס און פייערונגען ווי ט״ו בשבט א. ד. גל. ווו קינדער זענען אויפגעטרעטן מיט פארשידענע דעקלאמאציעס, שירים אין א פיין קלינגעדיקן העברעאיש, וואס סאיז אויפגענומען געווארן דורך אלעמען מיט גרויס אנערקענונג. א דאנק די באמיונגען פון קולטור־אמט און קינדער קאָמיטעט האט דער וועלפאר־אָפיציר ה׳ פלאטאו געשטעלט אין רשות פון דער שולע א פראכטפול אויסגערעמאָנטירטן בנין, ספעציעל פאר א שולע און קינדער־גארטן מיט א באזונדערער קיך, וועלכע וועט אין די נאנטסטע טעג איבערגענומען ווערן.

## רעליגיעזער אַמט

דער „רעליגיעזער אמט“, וואס זיין אויפגאבע איז צו באפרידיקן די באזונדערע הצטרכות׳ן פון די רעליגיעזגעשטימטע מענשן, וועלכע געפינען זיך ביי אונדז, אין ציילסהיים, אין א באדייטנדיקער צאל, האט לעצטנס צו פארצייכנען אגאנץ נישקשהדיקן דערפאלג, אויפן געביט פון פארזארגן די רעליגיעזע יידן מיט געשמאקן און זויבערן כשר עסן. דער ביז איצטיקער קליינער עס זאל, וואס האט זוייט נישט אנטשפראכן, סיי אין סאניטארער הינזיכט, און סיי אין זיין פארנעם אין באצוג צו דער כסדר וואקסנדיקער צאל פון די רעפלעקטאנטן אויף כשר׳ן עסן האט געבילדעט א שווערן פראבלעם נישט צום גובר זיין. ערשט א דאנק דעם ענערגישן און אומדערמידלעכן לייטער פון דער רעליגיעזער קיך ה׳ ו ו א ל פ ב ע ר ג וועלכער באזיצט נאָך דערצו, אויך די נויטיקע ארגאניזאטארישע פעאיקייט און פארשטענדניש פאר עסטעטיק, ביי דער אקטיווער מיטהילף פון די ח״ת: שטאל, האָראוויץ, אייבעשיץ און קאָמ. מיטגל. ה׳ רובינזאן איז די שוועריקייט באזייטיקט געוואָרן. סאיז געשאפן געווארן א פיינער און געררוימער עס־זאל אין אנשטענדיקע סאניטארע באדינגונגען, וואָס מאכט אזער גוטן איינדרוק אויף אלעמען. די טישן פיין סערווירט, די באדינונג צו די טישן איז א גאנץ באפרידיקנדע אלץ ארום בלענדט פאר ווייסקייט. און דו האסט דעם איינדרוק אז דו געפינסט זיך ערגעץ אין א פריוואט יידישן רעסטאראן, נאר מיטן אונטערשיעד אז ס׳ווערט דיר, נאכן עסן נישט דערלאנגט קיין רעכנונג.

דער אלגעמיינער ווונש פון אלע ציילסהיימער יידן איז, אז די בארופענע אינסטאנץ זאל ווי אמשנעלסטן איינפירן די ענלעכע באדינגונגען אין אלגעמיינעם עס־זאל.

שוין די העכסטע צייט דערצו!...

## ספאָרט

אלס א אפצייג פון קולטור־אמט ביים יידישן קאמיטעט, עקזיסטירט דא ביי אונדז, א ספארט־קלוב „חשמונאי“, וועלכע פירט זיין פארצווייגטע און רעגלמעסיקע טעטיקייט, אונטער די לייטונג פון די ח״ת שטאמבערג.

א דאנק דעם א. ד. חבר איז דא אנטוויקלט א לעבהאפטע ארבעט, וועלכע האט באוויזן גענוג פאפולער צו ווערן אין די היגע קרייזן.

עס זענען פאראן פאלגנדע סעקציעס: פוטבאל־סעקציע, פינג־פאנג סעקציע און באקס־סעקציע. די לעצטע האט אונטער די פאכמענערישע קענטניש פון ח׳ פ. זשעראווסקי—פאריקע וואך איינגעארדנט א עפענטלעכן ארויסטריט מיט 8 פארגעקעמפטע רונדעס. דער גרויסער עס־זאל איז געווען איבערפולט פון צושויער. די אמאטארן האבן ארויסגעוויזן זייער עקשנות אין קאמף.

כאראקטעריסטיש איז צו באצייכנען די קאמפן פון די יונגע קינדער אין עלטער פון 12—10 יאר — וועלכע וויזן ארויס מער באגאבקייט און די אנגענומענע פארשריפטן פון קעמפן, ווי די עלטערע. אויסגעצייכנט האט זיך דער בחור׳טשיק פ י ש י ו ס ף.

## אַ בריוו אין רעדאַקציע

מיר, די אונטן אונטערגעשריבענע בעטן צו פאַרעפנטלעכן דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

דעם 19.1.46 7 אזייגער אָוונט, איז געמעלדעט געוואָרן צום היגן מעדיצינישן אַמבולאַטאָריום (אין אַנוועזנהייט פון ד״ר טייכמאַן און פאַקין) וועגן שטאַרקן פיבער־אַנצינדונג, וועלכער האַלט אָן איניקע טעג, מיט די ביטע פון אַ באַזוך. צוזאָגענדיק אַ באַלדיקן באַזוך איז די פרוי אַוועקגעגאַנגען מיטנעמענדיק 2 פיגולקעס צום פאַרקלענערן דעם פיבער־שמערץ. די קראַנקע איז אַ פרוי מיט 2 קינדער, דאַרונטער איין קינד פון אַ האַלב יאָר.

עס זענען רויק פאַרלאָפן 2 (צוויי) טעג און צו קיין באַזוך איז נאָך נישט געקומען, — נור ערשט אַ דאַנק דעם אָפטן שטורמען איז אָנגעקומען ד״ר בערמאַן, פעסטשטעלנדיק, דאָס די קראַנקהייט באַשטייט פון אַ געוויינליכע „גריפּע." היות, אָבער, די „גריפּע" איז שוין ווייט אַריבער אירע גרענעצן—האָט זיך דער געזונט־צושטענד פון די פרוי כסדר פאַרערגערט און ווענדנדיק זיך נאָכאַמאָל צום מעד. אַמבולאַטאָריום (ד״ר טייכמאַן) איז מען געוואָרן אויסגעזידלט און באַקומען אַן ענטפער בזה הלשון: „מ׳שטאַרבט דאָך נאָך נישט, וואָס איז?."

הפנים, דאָס געוויסן ביים דערמאָנטן דאָקטאָר האָט נישט געקענט רוען, און באַוויליקט בכבודו מיט אַ באַזוך— סטשטעלנדיק שוין, דאָס די קרענק באַשטייט נישט פון „גריפּע" נור די לונגען זענען אָנגעגריפן.

ס׳איז נישט צו צווייפלען, אַז צוליב דער פאַרשלעפּונג ון באַלדיקע הילף—האָט זיך די קרענק אַלץ מער קאָמפּליצירט.

דער באַזוך פון חשובן דאָקטאָר טייכמאַן האָט אויף אַזויפיל געענדערט דער זאַך־לאַגע, עווענטועל געהאָלפן געענדערט צו ווערן, נישט מער, ווי ער האָט געוויסט מיט וואָס די זאַך שמעקט....

עס זענען ווידער אָפּגעלאָפן 2 (צוויי) טעג און נאָך אַ באַזוך פון ד״ר פאַקין האָט מען זיך דערוויסט, דאָס עס איז נישט געפערלעך.

דערווייל האָט די פרוי געהיצט אין דער פיבער־מאָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן...

מיר איינזעענדיק דאָס ס׳איז קיין שום הילף נישט צו ערוואַרטן—האָבן מיר זיך אָנגעגעבן צו שטאָטישע דאָקטוירים און באַמיט זיך צו פאַרשאַפן פון אייגענע מיטלען בעסערע פאַרפלעגונג, פון קענען לעבן און דערצו געזונד צו ווערן.

מיט אַכטונג:

פראַניאַ שערמאַן, ציילסהיים.

באַמערקונג פון רעדאַקציע:

דער דאָזיקער אָנגעגעבענער פאַקט, דוכט זיך איז פאַר יעדן קלאָר־רענקנדיקן מענש, אַ אומדערלאָזבאַרקייט, פון אַזאַ מין האַנדלונג, מצד אונדזערע חשובע דאָקטוירים.

נישט אַנדערש, ווי אונדזערע דאָקטוירים האַלטן, אַז ציילסהיים איז נאָך אַלץ אַ קאַצעט־לאַגער און מיר די קאַצעטלער...

אויב אַזוי, פאַלט ממילא אוועק די קשיה. מיר אָבער, וויסן פונקט דעם היפך און אפילו דאָקטוירים מעגן אויך אַזוי דענקן. ביי יעדע געלעגנהייט ווען און ווי עס פּאַסירט.

## מיר זוכן אונדזערע קרובים.

מיר בעטן די אויסלענדישע פּרעסע צו פאַרעפנטלעכן אונדזער רובריק פון זוכן קרובים — פאַר וועלכן מיר דאַנקן זייער הערצלעך.

קרישטאַל פּנחס, געב. ראַדאָם געוו. ביז דער קריג וואַרשע ביעלאַנסקע 9 איצט אין ציילסהיים, זוכט זיין פאַמיליע, אויך זוכט ער זיין קוזין יצחק פּושערנאָוועק וועלכער האָט געוווינט אין ארץ־ישראל, חיפה. בעט זיך אָנצורופן.

גרמיות דוד געב. רובזעוויץ זוכט זיין ברודער גרמיזה הירש וועלכער האָט זיך געפונען אין לאַנדסבערג און אוועק נאָך איטאַליע איצט ציילסהיים.

פאַליעס נישע געב. רובזעוויץ זוכט אָנקילס און פאַמיליע אין אַמעריקאַ: ריווקין יעקב פון ראַדאָשקאָוויץ. ריווקין משה־יודל, ישראל, מרדכי א.א.וו. צווייטע פאַמיליע: כאַזאַנאָוויץ יוסל. כאַזאַנאָוויץ חיה געפונען זיך ערער „ברוקלין" אדער „בראַנזוויל". איצט געפינט זיך אין ציילסהיים.

לאַפּין פ. נאַטאַן אוליצקי „מעלבורן" אין אויסטראַליען. זוכט קוסאָוויצקי ראובן. איצט אין ציילסהיים.

דבורה צוקער זוכט איר שוועסטער ראָזענבערג שרה אין תל־אביב, געבוירן אין (מאָדלי־באָזשין) איצט אין ציילסהיים.

איירעלשטיין עלקאַ איצט אין ציילסהיים זוכט. ברוך מאיר פון תל־אביב.

פאַמיליע בלאַט איצט אין ציילסהיים גריסט זייער ברודער לוקסמבורג יצחק אין תל־אביב, שענקין 20.

דאַטום הערש איצט אין ציילסהיים זוכט דאַטום דריאל, רוים.

נאַכטיגאַל יצחק 1922 זוכט אַ שוועסטער באַלטשע אין איטאַליע. אונגרירא סאַנטהערן קאַמף 36.

אספּים משה איצט ציילסהיים געב. סטאַשאָוו זוכט זיין ברודער חיים ישועהו אספּים, געפינט זיך אין בראַזיליען, ריאָ־די־זשענערא.

אספּים משה זוכט זיינע פעטערס אין ניו־יאָרק. אספּים משה, הערשל, שמואל.

מאָרגענטאַלער שבתי פון לאָדזש איצט אין ציילסהיים זוכט זיין ברידער, שוועסטער, מוטער.

## פּאַטאַ אויפנאַמען, אויסגעפירט — ביק־קראַטמאַן

מיט טיפער דערשיטערונג, זענען מיר מודיע וועגן פּריציייטיק־טראַגישן טויט פון אונדזער הייס־געליבטע שוועסטער

### העניע אראַנאָוויטש

אין בליענדן עלטער פון 20 יאָר,

וואָס איז נאָך לאַנגע און שווערע ליידן געשטאָרבן מיטוואָך, דעם 2־טן יאַנואַר 1946, 8 אָוונט אין סאַנאַטאָריום רופּערטסהיים, אַלס קרבן פונם נאַצ. מאָרד.

די פאַרשטאָרבענע איז צו קבורה געקומען אויפן יידישן בית־עלמין אין פראַנקפורט דעם 4 יאַנואַר 46 ב׳ שבט תש״ו. ערע איר אנדענק!

גלייכצייטיק דאַנקן מיר די אַלע, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער לויה אָפּגעבנדיק די פאַרשטאָרבענע דעם לעצטן כבוד.

די אין טיפן טרויער פאַרבליבענע

שוועסטער, ברודער און פאַמיליע.

די באַפרייונג פון יידישן פאָלק, — מוז זיין דאָס ווערק — פון זיינע, אייגענע הענט!!!

# „UNDZER MUT"

## (OUR COURAGE)

### Organ of the Liberated Jews of Frankfurt a. M. Zeilsheim

Publisher: Jewish Committee of Zeilsheim — Assembly Center

Editorial Board: Sauko Gittler, Editor
Moishe Gershonovitch
Moses Reichgot
Smuel Shlamovich
Jonatan Eibushitz
and Sender Sedic U. S. A., A. J. D. C.

The technical and administration Board: Ponar Simon
Czystochowski Semion

## EDITORIAL

It is very difficult to describe our sufferings during the past years. Millions of Jews perished in their struggle with the Nazi-Criminals. Innocent men, women and children were murdered only because they were Jews.

Only a few of us survived this slaughter and systematic extermination. We cannot return to those places where we lost our beloved ones under such terrible conditions because our lives there are again threatened.

We want our own home. We have a right to it because our contribution in blood toward our common victory was great. Our soldiers fought in the ranks of the United Nations Armies, in the Jewish Brigade and as partusans in the forests of Russia and Poland.

We know and appreciate the interest of the people of the United States through their President, Harry A. Truman, in our future.

We hope our desires will be fulfilled in the very near future and that we shall be free citizens of the forfathers, Palestine.

---

Address for Redaction and Administration:
„UNDZER MUT" Zeilsheim, Assembly Center.

# „UNDZER MUT"

## (OUR COURAGE)

## 1.